פשע אחיך וחטאתם וגו' ועתה שא נא וגו' ואם כת (אמר רבי יוסף בר חבו) מביא עשרה בני אדם ומעמידן על קברו ואומר חטאתי לה' אלהי ישראל ולפלוני זה שחבלתי בו :

**כח** רבי ירמיה הוה ליה מלתא לרבי אבא בהדיה אזל ויתיב אדשא דרבי אבא נפקא אמתיה ושדיא לה כנושא מיא אקיקלתא מטא זרזיפי דמיא ארישיה אמר עשאוני אשפה וקרי אנפשיה (תהלים קיג) מאשפות ירים אביון שבקיה וקאזיל שמע רבי אבא נפק אבתריה אדהכי הדר רבי ירמיה אפיה ואתא בתריה אמר ליה לא צריכא השתא עלי רמי דכתיב (משלי ו) לך התרפס ורהב רעך . רבי זירא כל מאן דהוה ליה מלתא בהדיה (הוה ממציא ליה נפשיה) הליף והני קמיה וממציא ליה כי היכי דניתי וניפוק ליה מרעתיה :

הוה ליה מלתא לרבי אבא בהדיה . רבי אבא היה לו להתרעם על רבי ירמיה שחטא לו אזל רבי ירמיה יתיב אדשא דרבי אבא : זרזיפי דמיא . הזית טיפי שופכין שהיתה השפחה שופכת : ממליא נפשיה . לפני מי שחטא לו אולי יבקש ממנו מחילה ויפייסנו לו : הליף והני . עובר ושונה ומשנה פעמים רבות :

רב

---

חבר פיל גוטע פריינד זיי זאלין אים בעטין פון דיינעטוועגין ער זאל דיר מוחל זיין . רב חסדא זאגט ער דארף אים איבער בעטין פאר דריי מענטשין . אונ אויב ער האט ניט געוואלט מוחל זיין . זאל ער אים איבער בעטין נאך אמאהל פאר דריי מענטשין . אונ אויב ער האט ניט געוואלט מוחל זיין . זאל ער אים איבער בעטין נאך אדריטען מאהל פאר דריי מענטשין . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ישור על אנשים . ער זאל שטעלין אשורה מענטשין . דרייא מענטשין . אונ ער זאל זאגין חטאתי איך האב געזינדיגט . דאס ערשטע מאהל . דאס גלייכע האב איך פאר קרימט ואיך האב ניט גלייך גיטאהן וואס איך האב געגין דיר געזינדיגט) . דאס אנדערע מאהל . אונ עס איז ניט ווערט ביי מיר די קריג וואס צווישען אונז . דאס דריטע מאל . רבי יוסי בר חנינא זאגט דער וואס בעט פון זיין חבר ער זאל אים מוחל זיין . אונ זיין חבר וויל ניט זאל ער אים ניט בעטין מעהר ווי דריי מאהל . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אזוי זאלט איהר זאגין צו יוסף איך בעט דיך זאלסט פאר געבין די זינד פון דיינע ברידער . שטייט דרייא מאהל דער ווארט בעטין . אנא . איך בעט דיך . נא . איך בעט דיך . נא . איך בעט דיך . אונ אויב ראובן האט געזינדיגט צו שמעון . אונ שמעון איז געשטארבין . זאל ראובן נעמען צעהן מענטשין אונ זאל זיי שטעלין אויף דעם קבר פון שמעון אונ ראובן זאל זאגין איך האב געזינדיגט צו גאט אונ צו שמעון וואס איך האב איהם גיטאהן די שלעכטס :

**כח** רבי ירמיה האט געזינדיגט צו רבי אבא איז גיגאנגען רבי ירמיה אונ האט זיך גיזעצט ביי די טיר פון רבי אבא . איז ארויס גיגאנגען דיא דינסט פון רבי אבא אונ האט ניט גיזעהן וויא רבי אבא זיצט . אונ האט ארויס גיגאסען אשעפיל וואסער אויף דעם מיסט וואס איז גילעגין ביי די טיר . האט ארויף געשפריצט וואסער פון דעם שעפיל אויף דעם קאפ פון רבי ירמיה . האט רבי ירמיה גיזאגט מען האט מיך גימאכט אזוי ווי די מיסט . האט רבי ירמיה גיזאגט אויף זיך דעם פסוק גאט הייבט אויף דעם ארעם מאן פון מיסט . איז רבי ירמיה אוועק גיגאנגען . האט רבי אבא גיהערט וואס דא איז גיוועזן מיט רבי ירמיה . איז רבי אבא גיגאנגען נאך רבי ירמיה . דער וויל האט רבי ירמיה אומגיקערט דעם פנים האט ער גיזעהן וויא רבי אבא גייט . איז רבי ירמיה גיגאנגען נאך רבי אבא . האט רבי אבא גיזאגט צו רבי ירמיה דוא דארפסט שוין ניט מיך איבערבעטין . איצט דארף איך דיך איבערבעטין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גיי זיי אונטערטעניג אונ מאך גרויס דיין חבר . רבי זירא פלעגט אזוי טאהן אז אייגער האט געזינדיגט געגין איהם . פלעגט ער פאר ביי גיין פאר איהם עטליכע מאהל . אונ רבי זירא פלעגט גיטראפען ווערין פאר דעם מענטש עטליכע מאהל . טאמער וועט דער מענטש האבען חרטה אונ וועט איבערבעטין צו רבי זירא . וועט רבי זירא איהם מוחל זיין אונ ער וועט שוין די זאך ניט מער אין זינען האבען :